גוט שבת אלע אידן. ר׳ יוסף ״יוסי״ וואליס איז היינט דער מנהל כללי פון דעם באקאנטן מוסד ״ערכים״ א מוסד וואס איז מקרב טויזנטער אידן ארום די וועלט. לעצטענס איז יוסי זוכה געווען צו העלפן א משפחה צוריקקומען צו אידישקייט, דורך א פלא׳דיגע השתלשלות און א מורא׳דיגע השגחה פרטית מעשה.

פאר בערך צוואנציג יאר, האט יוסי געהאלטן אין שטוב א מין פויגל וואס מען רופט א פאפוגיי (פארוט). דער פאפוגיי איז פון די קלוגסטע מין פייגל און עס קען לערנען צו זאגן ווערטער וואס עס הערט פון זיין בעלים. יוסי׳ס פאפוגיי האט טאקע געקענט אסאך ווערטער. יוסי פלעגט מהנה זיין בעלי תשובות מיט דעם פויגל ווען זיי זענען געקומען צו אים אין שטוב. עס איז געווען אזוי ווי א ״מילתא דבדיחותא״ פאר מענטשן צו הערן ווי דער פאפוגיי רעדט, און עס האט געהאלפן מאכן מענטשן שפירן מער באקוועם אין זיין הויז.

איין טאג, האט עמיצן בטעות געשפריצט הייסע וואסער אויף דעם פאפוגיי און עס איז ארויסגעפלויגן פון אן אפענע פענסטער. יוסי מיט זיין משפחה זענען געווארן זייער צובראכן. זיי האבן געזוכט דעם פויגל לעבן זיין הויז אבער זיי האבן עס נישט געטראפן. אפאר טעג שפעטער האט יוסי׳ס מאמע געקלונגען צו זאגן אז זי מיינט אז דער פאפוגיי איז אין א בוים לעבן אירע הויז, ווייל פלוצלינג האט זי געהערט א קול אזוי ווי יוסי׳ס ארויסקומענדיג פונעם בוים. (ווייל דער פאפוגיי האט גערעדט אזוי ווי יוסי׳ס קול.) יוסי איז שנעל אריבערגעפארן צו זיין מאמע׳ס הויז, אבער ליידער האט ער גארנישט געטראפן, ווייל דער פויגל איז שוין אוועקגעפלויגן.

צוביסלעך האבן זיי מייאש געווען פון דעם פאפוגיי, און זיי האבן שוין געקויפט א נייע. אבער, דער נייער פויגל איז נישט געווען אזוי קלוג ווי דעם אלטען.

בערך א האלבע יאר שפעטער האט איינער אין דעם ״ערכים״ אפיס געזאגט צו יוסי אז עס איז דא עפעס א ״פרישע״ בעל תשובה וואס האט ליב פאפוגייס. און וויבאלד אז יוסי אליינס האט אויך געהאט א פאפוגיי, אפשר זאל יוסי מקרב זיין יענעם דורך רעדן וועגן פאפוגייס, וכו׳.

בקיצור, איין טאג דערנאך איז יוסי געווען פארנדיג פון ירושלים קיין בני ברק ווען ער האט באקומען א טעלעפאן קאל פון יענעם בעל תשובה. דער בעל תשובה, וואס האט געהייסן ״משה״ (נישט זיין עכטע נאמען) האט געזאגט צו יוסי אז א פאפוגיי האט אים טאקע געמאכט פאר א בעל תשובה! דאן האט משה אנגעהויבן צו דערציילן ווי אזוי עס איז געשען.

משה האט מקדים געווען מיט דערציילן אז ער איז אויפגעוואקסן אלס פרייער איד אין ארץ ישראל. ליידער האט ער נישט געקענט די אלף בית פון אידישקייט. ווייל קיינער האט אים נישט אויסגעלערנט. איין טאג אבער האט אלעס געטוישט.

עס איז געווען שבת קודש און משה האט פארברענגט מיט חברים אויף א פעלד. פלוצלינג האבן די חברה באמערקט א גרויסען שיינען פויגל, א פאפוגיי. דער פויגל האט אויסגעקוקט זייער שוואך און נישט געזונט. משה האט רחמנות געהאט אויפן פאפוגיי. ער האט געברענגט א באקס פון זיין דירה מיט אביסל אלטע ברויט פונעם פריזער. מיט דעם ברויט האט ער געפירט דעם פויגל אריין אין באקס און דאן האט ער עס אהיימגעברענגט.

ווען דער פויגל איז אריינגעקומען אין שטוב, האט עס אנגעהויבן צו רעדן. די ערשטע זאך וואס עס האט געזאגט איז געווען ״יום השישי...״ (אזוי ווי ביי קידוש ליל שבת) און ״ברוך השם...״ משה מיט זיין בני בית זענען איבערראשט געווארן. זיי האבן קיינמאל נישט געהערט א פאפוגיי וואס האט געקענט אזוי פיל רעדן. חוץ פון דעם, האבן זיי קיינמאל נישט געהערט א פויגל רעדן אזעלכע רייד אזוי ווי ״ברוך השם.״

משה האט גענומען טראכטן... אויב א פויגל, וואס האט נישט קיין שכל, קען לויבן דעם באשעפער מיט זאגן ״ברוך השם,״ פארוואס זאל ער נישט קענען אויך באדאנקען דעם אייבערשטען אמאל! און מיט דער מחשבה זענען ער מיט זיין בני בית צוביסלעך געווארן בעלי תשובות!

יוסי איז ערשטוינט געווארן צו הערן דעם מעשה. דאן האט ער געזאגט צו משה אז ער אליינס האט פארלוירן א פאפוגיי אין די זעלבע צייט ווען משה האט געטראפן יענע פויגל וואס האט גערעדט. דאן האט יוסי פונקטליך מסביר געווען ווי אזוי זיין פאפוגיי קוקט אויס.

משה האט אלעס צוגעהערט און ער האט געזאגט אז ער האט יוסי׳ס פאפוגיי! יוסי איז גלייך אריבערגעפארן צו משה׳ס הויז. ווען יוסי איז אריינגעקומען אין שטוב, האט דער פאפוגיי אנגעהויבן צו רעדן אסאך, אזוי ווי עס האט דערקענט יוסי. יוסי האט אריינגעלייגט זיין האנט אין דעם שטייג און דער פאפוגיי איז גלייך געקומען צו אים. יוסי האט אהיימגעברענגט דעם פאפוגיי און זיין משפחה האט שטארק געפרייט. ב״ה אז זיי האבן צוריקבאקומען דעם פאפוגיי און דורך דעם פויגל איז מקורב געווארן נאך א משפחה תחת כנפי השכינה!

עס שטייט אין פסוק: ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.״ זאגט די מפרשים אז ״בתוכם״ מיינט אז דער אייבערשטער וויל רוהן זיין הייליגע שכינה אין די אידן אליינס. אזוי ווי עס שטייט סוף סדרה ״...ושכנתי בתוך בני ישראל.״ זאגט דער מדרש אויף דעם פסוק ״ושכנתי בתוכם״: ״ואם יעשו רצוני אין שכינתי זזה מביניהון (מדרש תנחומא (ורשא) בחקתי פרק ג). טאמער די אידן וועלן טון דעם אייבערשטען׳ס רצון, וועט די הייליגע שכניה קיינמאל נישט אוועקרוקן פון אונז!

זאגט דער של״ה הקדוש אז די אויבערדערמאנטע פסוק קומט אונז צו לערנען אז ״... ונמצאת השכינה כאכסנאי הולך ממקום למקום, ולזה אמר ושכנתי בתוכם, ולא אמר ושכנתי למטה אלא בתוכם, כדמיון אכסנאי, כלומר בכל מקום שילכו [בני ישראל] אלך עמהם ואשכון בתוכם וכו׳״ (ספר שמות - פרשת תרומה, תורה אור א) ד״ה וואו נאר די אידן זאלן זיין אין דעם טינקעלן גלות, טוט די הייליגע שכינה אונז באגלייטן.

**גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845) כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה